לעגנהייט, טעקסט; פֿראַגע, שאַלה, קשיה ← 315; טאָגפֿראַגע, צײַטפֿראַגע, ענין־דיומא, אָנגעווייטאָגטע פֿראַגע, מִיצווה שהזמן גרמא; מאַקסים, טעאָרעם, פּראָבלעם, דילעמע; אויפֿגאַבע, פֿאָרשלאָג, פֿירלייג, פֿאָרלייג, פּראָפּאָזיציע; באַשלוס, רעזאָלוציע; באַשייד, ▾לייזונג, ענטפֿער; פּונקט, שטרײַטפּונקט, סלע־המחלוקת, אַרגומענט, אישו [אַם] ← 324; מאַטעריאַל ‹שפּײַז› פֿאַרן געדאַנק; מאַטעריאַל צום איבערטראַכטן; פֿאָרשפֿעלד, פֿאָרשגעביט; טעמאַטיק, פּראָבלעמאַטיק.

וו: זײַן ‹שטיין› פֿאַר דער פֿאַרזאַמלונג; זײַן אונטער באַטראַכט; קומען אין באַטראַכט; זײַן אויף דער טאָגאָרדענונג ‹אויפֿן סדר־היום, אויפֿן טאָגסדר›; זײַן אַ פֿראַגע וועגן; גיין וועגן; צו(ם) דיסקוטירן; צו(ם) באַשליסן.

זען אויך: פֿאָרשונג 315, וויכּוח 324.

## 311. נײַגעריקייט

ס: נײַגעריקייט, טשיקאַוועקייט, וויסדאָרשטיקייט, פֿאַראינטערעסירטקייט אאַז"וו ← אַדי; נײַגער, אינטערעס, טשיקאַוועס, ▾טשיקאַוועשטש; פֿאָרשגײַסט; שפּאַנונג.

וויסדאָרשטיקער, טשיקאַווער, בעלן, בעל־עסקן אאַז"וו ← 541; גייענדיקער פֿרעגצייכן; נוגע בדבר, אינטערעסענט.

וו: זײַן נײַגעריק, זײַן טשיקאַווע אאַז"וו ← אַדי; האָבן אַן אינטערעס אין, זײַן פֿאַראינטערעסירט אין, זײַן פֿאַראינטריגירט אין, נעמען אַן אינטערעס אין [אַם]; אַרן, האַרן, טשעפּען, אָנגיין, אויסמאַכן, זײַן געלעגן, גיין דעראָן ‹דערײַן, דערינען›; גיין אין לעבן, נוגע זײַן עד לחיים; האָבן אַן אינטערעס פֿאַר ‹צו›; אינטערעסירן זיך מיט; וועלן וויסן, זײַן גערן צו וויסן, זײַן אַ בעלן ‹בעל־עסקן› צו וויסן; טשיקאַווען זיך; קריכן אין אַלע ענגע לעכער; אַרײַנשטעקן ‹אומעטום› די נאָז; קוקן אין יענעמס טאָפּ ‹טעפּל› אַרײַן; וועלן וויסן וואָס עס קאָכט זיך בײַ יענעם אין טאָפּ; שמעקן אין אַלע טעפּ; וועלן וויסן פֿון וואַנען די פֿיס וואַקסן.

אַדי: נײַגעריק, טשיקאַווע, ▾טשיקאַוונע; טשיקאַווע ווי די מוטער חווה; וויסדאָרשטיק, (וויסן)באַגעריק; פֿאַראינטערעסירט, פֿאַראינטריגירט; געשפּאַנט, אָנגעשפּיצט; אינטערעסאַנט, ▾אינטערעסנע.

אינוו, פֿראַז: עס רייצט ‹וועקט› דעם אינטערעס; אויף טשיקאַוועס; וואָס הערט זיך אין שטעטל?; אַבֿרהמל, וואָס הערט זיך אין דײַן קרעמל?; וואָס הערט זיך? [ענטפֿערס] די באָבע יערט זיך, דער מוח קערט זיך, לא תרצח, דאָס וואָס מען רעדט, וואָס ס'הערט זיך וואַרפֿט מען אַרויס; וואָס הערט מען אין וואַרשע? [ענטפֿער] די ווײַסל ברענט; וואָס הערט מען אין ים? [ענטפֿער] מען כאַפּט פֿיש; אַלץ מוזסטו וויסן?; אַז דו וועסט אַלץ וויסן וועסטו גיך אַלט ווערן; ווילסט וויסן, נעם אַ טוך און וויש [וויס].

שפּר: ווער עס וויל אַלץ וויסן דער ווערט גיך אַלט.

זען אויך: אויפֿמערקזאַמקייט 313, פֿאָרשונג 315.

## 312. אומנײַגעריקייט

ס: ניט־נײַגעריקייט, ניט־פֿאַראינטערעסירטקייט, גלײַכגילטיקייט אאַז"וו ← אַדי; גלײַכגילט, אינדיפֿערענץ, אינדיפֿערענטיזם; פֿלעגמע, אַפּאַטיע, אינערציע ← 509.

וו: זײַן ניט־נײַגעריק, זײַן אינדיפֿערענט, זײַן גלײַכגילטיק אאַז"וו ← אַדי; ניט האָבן ‹ניט פֿילן› קיין אינטערעס פֿאַר ‹צו›; ניט אינטערעסירן זיך מיט; שטיין אין אַ זײַט, גיין זײַן ‹איר אאַז"וו› וועג; ניט מישן זיך אין פֿרעמדע טעפּלעך ‹אין פֿרעמדע געשעפֿטן, אין פֿרעמדע ביזנעס [אַם]›; ניט אַרן, ניט טשעפּען, ניט אָנגיין; ניט גיין דעראָן ‹דערײַן, דערינען›; ניט קימערן, ניט אויסמאַכן; ניט מאַכן זיך פֿון; ניט זײַן